## פּלענום פֿון דער צ"ק פֿון אָרט-פֿאַרבאַנד 6-8 יאַנואַר 1934 אין פּאַריז.

(ערשטע זיצונג, 6-טן יאַנואַר)

## „אָרט" אין 1933 און זײַנע נאָענטסטע אויפֿגאַבן.-

### רעדע פֿון ד"ר. א. סינגאַלאָווסקי.

הער פּרעזידענט, געערטע פֿרײַנט,

**זכרונות פֿון „גוטע אַלטע צײַטן..."**

די פּלענאַרזיצונגען פֿון אונזער צענטראַלפֿאַרוואַלטונג האָבן זיך קײנמאָל ניט אויסגעצײכנט דורך איבעריקן אָפּטימיזם. אין פֿאַרגלײַך מיט דער נויט און מיט דער גרויס פֿון דער א ו י פֿ ג אַ ב ע זײַנען די דערגרײכטע רעזולטאַטן אונז קײנמאָל נישט געווען צו גרויס אין די אויגן.

אין משך פֿון צענדליקער יאָרן האָט אָרט געהעכט דעם געדאַנק וועגן נויטיקן איבערבוי פֿון דער ייִדישער ווירטשאַפֿט-סטרוקטור: „נאָך דער דערגרײכטער פֿאָרמאַל-פּאָליטישער גלײַכבאַרעכטיקונג מוז זיך אָנהויבן די ווירטשאַפֿטלעכע באַ נ ײַ א ו נ ג , דער קאַמף פֿאַר פֿאַקטישער עקאָנאָמישער גלײַכשטעלונג, פֿאַר ייִדישער אַרבעט אין אינדוסטרי און לאַנדווירטשאַפֿט". ווער עס באַטראַכט די פּראַקטישע רעזולטאַטן אינם ליכט פֿון אָט ד ע ר אויפֿגאַבע, דער איז באַוואָרנט פֿון איבעריקער זעלבסטצופֿרידנקײט. געווים, אונז איז ניט אײנמאָל באַשערט געווען אָפּצושאַצן מיט באַפֿרידיקונג דעם ע צ ם ווערט, דעם פּיאָניר-כאַראַקטער פֿון דעם אָדער יענעם פּראַקטישן דערגרײך, אָבער דערבײַ האָט אונז שטענדיק געפּײַניקט די פֿראַגע, ווו נעמט מען די מיטלען צו פֿאַרטאָפּלען און פֿאַרמערן דאָס דערגרײכטע? דערנאָך זײַנען אָנגעשטאַנען די שווערקײטן פֿון די לעצטע יאָרן: פֿאַרשאַרפֿטע נויט אין די מזרח-לענדער, עקאָנאָמישער קריזיס אין אַמעריקע און אין אײראָפּע; די הילפֿסקוואַלן ווערן אויסגעשעפּט, די אויפֿבוי-כּחות אָפּגעשוואַכט. אַ סך וויכטיקע התחלות ווערן איבערגעריסן און צענדליקער אינסטיטוציעס מאַטערן זיך אָן הילף פֿון דרויסן.- אַזוי לאַנג, ווי איך געדענק, דריקן שווערע זאָרגן אויף אַלע אונזערע באַראַטונגען. און פֿונדעסטוועגן האָבן אַפֿילו די פּעסימיסטן בעת אונזער לעצטן פּלענום אין בערלין זיך ניט געקאָנט ריכטן, אַז אויף דער קומענדיקער סעסיע אין...פּאַריז וועלן מיר יענע דאגות פֿון פֿאַראַיאָרן דערמאָנען, ווי זכרונות פֿון גוטע אַלטע צײַטן...

**דער אויסדרוק פֿון דער לעצטער פֿאַרענדערונג.**

אונזער אָרגאַניזאַציע און דער ייִדישער אויפֿבוי בכלל האָבן אין די לעצטע יאָרן איבערגעטראָגן פֿיל שווערע קלעפּ. אין דער אַלגעמײנער ייִדישער סיטואַציע זײַנען פֿאָרגעקומען אַ סך בײזע שינויים. חשובֿע פֿרײַנט, די סאַמע טראַגישסטע געשעענישן דריקן זיך אויס אין דער הײַנטיקער זיצונג דורך אַ געוויסער פֿאַרענדערונג פֿון די ראָלן אין אונזער אײגענער קאָלעגיע. אונזער צענטראַלפֿאַרוואַלטונג באַשטײט, ווי באַקאַנט, פֿון די אָרט-פֿירער אין פֿאַרשידענע לענדער. אײן טײל רעפּרעזענטירט פֿאַקטיש די ווירטשאַפֿטלעכע אויפֿבוי-אַרבעט אין די לענדער פֿון דער ייִדישער נויט, דער אַנדערער – דעם ייִדישן מיטגעפֿיל און דעם הילפֿסווילן אין די לענדער פֿון רעלאַטיוון ייִדישן וווילשטאַנד. הײַנט אָבער זעען מיר אַ געוויסע ענדערונג אין דעם פּרט,- אַ קלײנע ענדערונג, וואָס סימבאָליזירט

די ביטערסטע טראַגיק פֿון דער ייִדישער קעגנװאַרט. יאָרנלאַנג זײַנען אונ־
זערע דײַטשע קאָלעגן געשטאַנען אין דער פֿאָדערשטער רײ פֿון די ה ע ל ־
פֿ ע ר . די פֿאַרדינסטן פֿון די דײַטשע אָרט־פֿרײַנט מיט דר. קלעעמאַן און
ה״ גרעץ אין דער שפּיץ פֿאַרנעמען אַ חשובֿן פּלאַץ אין דער נײַסטער גע־
שיכטע פֿון אונדזער אַלטער אָרגאַניזאַציע. דערװײַל האָט זיך אָבער די פֿונק־
ציע פֿון דעם דײַטשן אָרט געענדערט ביז גאָר. ער איז שוין נישט מער קײן
מ י ט ל פֿאַר דעם צװעק פֿונם אױפֿבױ אין מזרח, ער איז, לײדער, געװאָרן
אַ ז ע ל ב ס ט צ װ ע ק . ער טוט זײַן דינסט אױף דעם נײַסטן און גע־
פֿערליכסטן טײל פֿון אונדזער ייִדישן לײדנספֿראָנט, ער קוקט אױס אױף שטי־
צע פֿון דרױסן, און נױטיקט זיך שטאַרק אין דער הילף פֿון אונדזער פֿאַר־
באַנד... ליבער ה״ דר. קלעעמאַן, מיר האָבן אין לאַנגער געמײנזאַמער אַר־
בעט דערקענט אײַער זיטליכן אַדעל און האָבן באַהאַלטן אין זכּרון אַלץ –
נישט נאָר די הילף, נאָר אױך די פֿײַנקײט, מיט װעלכער איר האָט שטענדיק
געדינט אונדזער זאַך. אין די שיקזאַל־שװערסטע טעג פֿון 1933 איז מיר באַ־
שערט געװען צו זײַן אַן עדות פֿון אײַער מוטיקער געטרײַבאַט, ה״ גרעץ.
נעמט מיר ניט פֿאַר אומגוט אַז די פּערזענליכע לירישע באַמערקונג, זי איז
דאָך נאָר אַ שװאַכער אױסדרוק דערפֿון, װאָס מיר אַלע פֿילן צו אײַך און צו
דעם דײַטשן ייִדנטום (אַפּלאָדיסמענטן).

<u>אױפֿגאַבן פֿון פּלענום.–</u>

פֿרײַנד, דאָ האָבן זיך פֿאַרזאַמלט די פֿאַראַנטװאָרטליכע אָנ־
פֿירער פֿון דער אָרט־אַרבעט, כּדי צו װאַרפֿן אַ בליק צו־
ריק און פֿאָרױס: מען דאַרף זיך אָפּגעבן אַ חשבון װעגן
דעם מצב פֿון אונדזער װערק נאָך די אױפֿטרײסלונגען
פֿונם לעצטן יאָר. אַ װיכטיקע אױפֿגאַבע איז צו פֿאָרמולירן די נײַע פּראָבלע־
מען, װאָס װאַקסן אַרױס פֿון דער איצטיקער ייִדישער װירטשאַפֿט־לאַגע פֿאַרן
אָרט־פֿאַרבאַנד. מען מוז באַטראַכטן, װעלכע מעגליכקײטן זײַנען פֿאַראַן, כּדי
צוטרעטן נענטער צו דער פֿאַרענטפֿערונג פֿון די דאָזיקע פּראָבלעמען.

אױף דער הײַנטיקער סעסיע פֿון דער צענטראַלפֿאַרװאַלטונג, װאָס איר צו־
נױפֿרוף איז אָנגעקומען מיט אַזעלכע גרױסע שװעריקײטן, פֿאַלט אױך די
פֿליכט אױסצוקלײַבן אין דעם באַשטאַנד פֿון דער עקזעקוטיװע נאָך עטליכע
מיטגלידער פֿון דער צענטראַלפֿאַרװאַלטונג, װאָס װױנען אין פּאַריז. װײַטער
קומען די װיכטיקסטע פֿראַגן, װי צו פֿאַרגרעסערן די הכנסות פֿונם פֿאַרבאַנד
און דער אָזע, װי די דאָזיקע הכנסות צו פֿאַרטײלן.

## <u>דאָס בילד סוף 1933.</u>

דער פֿרײַנטליכער באַריכט פֿון דער עקזעקוטיװע גיט אַ בילד פֿון
דעם אָרט־פֿאַרבאַנד אין דעם איצטיקן מאָמענט. װאַרפֿט איר אַ בליק אױף דעם
ג ע אָ ג ר אַ פֿ י ש ן אומפֿאַנג פֿון דער קאָנסטרוקטיװער אָרט־אַרבעט זעט
איר, אַז זי װערט געפֿירט אין 200 ערטער – שטעט און דערפֿער – פֿון סאָװעט־
רוסלאַנד, אין 50 ערטער פֿון רומעניע, אין 34 – פֿון פּױלן, אין 8 –
פֿון ליטע און לעטלאַנד און אין 2 – פֿון מערבֿ־אײראָפּע (בערלין, פּאַריז).

דערזעלביקער באַריכט באַווייזט אָבער, אַז דער ווירטשאַפֿטלעכער און טעכנישער פֿאַרנעם פֿון דער אויפֿבוי-אַרבעט איז אין 1933 כמעט אויף אַלע געביטן קלענער געוואָרן.

**דער באַדאַרף אין פֿאַכבילדונג.**

אין דעם פֿאַכשול-נעץ פֿונם אָרט-פֿאַרבאַנד גייען אַריין באַ היינטיקן טאָג 107 האַנטווערקשולן, לערנוואַרשטאַטן און פֿאַכקורסן פֿאַר דערוואַקסענע. דאָזיקע אינסטיטוציעס האָבן איבערגעלעבט צוויי ביטערע יאָר. די ביז גאָר פֿאַרקירצטע פֿינאַנציעלע הילף מצד דער צענטראַל-פֿאַרוואַלטונג, די רעדוקציע פֿון די סובסידיעס פֿון די מלוכות און די שטאָט-פֿאַרוואַלטונגען און די פֿאַרקלענערונג פֿון די לאָקאַלע זאַמלונגען. באַ אַזעלכע תּנאָים האָבן די אינסטיטוציעס, אין וועלכע 5800 מענטשן לערנען זיך אַ פֿאַך, באַדאַרפֿט קעמפֿן פֿאַר זייער עקזיסטענץ. און אויב די דאָזיקע פֿאַכשולן האָבן פֿונדעסטוועגן דאָך געקענט עפֿענען זייערע טירן צום נייעם לערניאָר, אויב אין אַלע אינשטאַלטן גייט איצט אַ לעבעדיקע פּראָדוקטיווע אַרבעט, אויב די צאָל פֿון די שילער האָט זיך, ניט געקוקט אויפֿן ווירטשאַפֿט-קריזיס, אין דעם יאָר נאָך פֿאַרגרעסערט – זײַנען דאָס פֿאַקטן, וואָס באַווייזן אַמבעסטן ווי ערנסט עס איז די באַדערפֿעניש אין די דאָזיקע אינסטיטוציעס און ווי באַליבט זיי זײַנען באַ דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

מיר ווייסן וואויל, אַז פּראָפֿעסיאָנעלע בילדונג איז נאָך ניט קיין תּשובֿה אויף די עקאָנאָמישע גרונט-פּראָבלעמען פֿונם ייִדנטום. זי איז אָבער בלי ספֿק איינע פֿון די וויכטיקסטע פֿאָרבאַדינגונגען פֿאַר דעם ווירטשאַפֿטלעכן איבערבוי. קרובֿ 2 מיליאָן פֿראַנצויזישע פֿראַנק זײַנען אינעם לעצטן יאָר אויסגעגעבן געוואָרן אויף דעם פֿאַכשול-נעץ פֿונם אָרט-פֿאַרבאַנד. וויפֿל איז דערויף געגעבן געוואָרן פֿון אַמעריקאַנישע, מערבֿ-אייראָפּעאישע און אַנדערע אויסלענדישע הילפֿס-קוואַלן? העכסטנס צען פּראָצענט. איז עס ניט קיין דײַטלעכער סימן, אַז עס פֿעלט גרינטלעכקייט און ווייטבליק אין דער ייִדישער הילפֿסאַרבעט, אַז זי האָט עד היום נאָך אַ קורצע ראיה?..

**ווידעראַמאָל די שטעטלדיקע נויט אין סאָוועטן-רוסלאַנד.**

אַ ווינציקער אויפֿטו איז צו פֿאַרצייכענען אויפֿן געביט פֿון פֿאַרבינדן די דעקלאַסירטע ייִדישע באַפֿעלקערונג מיט אינדוסטריעלער אַרבעט. אין די לעצטע יאָרן זײַנען אין סאָוועטן-פֿאַרבאַנד מיט די פּראָדוציר-מיטלען פֿון אָרט און מיט דער הילף פֿון זײַנע פֿאַכלײַט געגרינדעט געוואָרן 60 אַרטעלן און פֿאַבריקן. אויסערדעם האָט אָרט פֿאַרזאָרגט מיט אויסלענדישע מאַשינעס און רויסטאָף אַ גאַנצע רײ פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן מיט דער הילף פֿון די אַלגעמיינע קאָאָפּעראַטיווע פֿאַרבאַנדן; די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיוון האָבן אויך באַקומען טעכנישן אינסטרוקטאַזש פֿון די ספּעציאַליסטן פֿון אָרט. די אויפֿבוי-אַרבעט פֿון אָרט אויף דעם דאָזיקן געביט האָט געגעבן אַרבעטס-מעגלעכקייטן פֿאַר אַן ערך 35 טויזנט פּערזאָן. 1933 הייבט זיך אָבער אָן אַ שטילשטאַנד. צוליבן דוחק אין אויסלענדישע מיטלען פֿאַרן אײַנקויף פֿון מאַשינעס ווערן אין דעם יאָר געגרינדעט נאָר געציילטע נײַע אונטערנעמונגען אין די שטעט. דער עיקר אַרבעט באַשטייט אין דער פֿאַרבעסערונג פֿון די פֿריִער געגרינדעטע פֿאַבריקן. אָבער גראַד אין אָט דער

צײַט איז געפֿאַלן דער נאָכפֿרעג פֿון דער מלוכה/ער גרויסאינדוסטרי אויף אומקװאַליפֿיצירטע אַרבעטער און די פֿראַגע פֿון אַרבעט פֿאַר הונדערטער טויזנטער ייִדישע מענער און פֿרויען אין די סאָװעטישע שטעטלאַך האָט זיך װידער פֿאַרשאַרפֿט.

**צום שוץ פֿון די לאַנדװירטשאַפֿטליכע פּאָזיציעס.**

מיט אַ געװיסער באַפֿרידיקונג קענען מיר פֿעסטשטעלן, אַז אין פּוילן און אין בעסאַראַביע איז מיט הילף פֿון די 25 לאַנדװירטשאַפֿטליכע קאָאָפּעראַטיװן, װעלכע אָרט האָט מיט עטליכע יאָר צוריק געגרינדעט – געלונגען אָנצוהאַלטן די פֿריערדיקע דערגרייכונגען אויפֿן געביט פֿון דער לאַנדװירטשאַפֿט. אין רשות פֿון די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיװן געפֿינט זיך אַ סומע פֿון אַן ערך 40 טויזנט גאָלד-דאָלאַר, װעלכע אָרט האָט זיי געגעבן אַלס קרעדיט. אין 1933 איז די צענטראַלפֿאַרװאַלטונג ניט געװען בכח צו פֿאַרגרעסערן די הילף דורך נײַע קרעדיטן. אָבער די קאָאָפּעראַטיװן איז – אַ דאַנק זייער װירטשאַפֿטליכער סאָלידקייט און קרעדיט-פֿעיִקייט – געלונגען צו באַקומען געװיסע קרעדיטן פֿון דער "פֿאָנדאַציאָן" און פֿון אַלגעמיינע קװאַלן.

אין סאָװעטן-פֿאַרבאַנד, װו אָרט באַדינט 70 ייִדישע קאָלאָניעס, איז די אַרבעט אינעם לעצטן יאָר באַשטאַנען אין שאַפֿן גרינס-גאָרטנס. זיי פֿאַרנעמען בײַ הײַנטיקן טאָג אַ שטח פֿון 2200 העקטאַר. דורך דער דאָזיקער הילף האָבן די קאָלאָניסטן גאָרטן-פּראָדוקטן צום פֿאַרקויף אויפֿן פֿרײַען מאַרק און פֿאַרן אייגענעם געברויך. – מיר װענדן אויך אײַער אויפֿמערקזאַמקייט אויף דער שטעל פֿונם שריפֿטליכן באַריכט, װו עס װערט דערציילט װעגן נאָך אַן אויפֿטו פֿון אָרט, װאָס האָט דעם צװעק צו קרעפֿטיקן די קאָלאָניסטן. דאָס זײַנען די װאַרשטאַטן פֿאַר דאַמען-היט, פֿאַר טעקסטיל-אַרבעט און פֿאַר שטאָף-באַמאָלונג אין 37 קאָלאָניעס פֿון דרום-אוקראַינע און קרים. די דאָזיקע געראָטענע אונטערנעמונגען, װאָס בילדן אַ װיכטיקן הכנסה-קװאַל, זײַנען אָבער אָנגעװיזן אויף אויסלענדישן הילפֿסשטאָף. דער דוחק אין פֿרעמדע אויסלענדישע געלט-מיטלען איז אַ לעבנסגעפֿאַר פֿאַר די דערמאָנטע װאַרשטאַטן. די זעלביקע סיבה שװאַכט אויך אָפּ דעם רעכטליכן יסוד פֿון אונדזער אַרבעט אין סאָװעטן-פֿאַרבאַנד, װעלכע װערט – װי באַקאַנט – געפֿירט אויפֿן סמך פֿון אַן אָפּמאַך מיט דער רעגירונג.

**אינם צייכן פֿון דער נײַסטער ייִדישער קאַטאַסטראָפֿע.**

געערטע פֿרײַנט, די געשעענישן פֿונם לעצטן יאָר האָבן אונדז געשטעלט פֿאַר אַ נײַער צװינגנדיקער אויפֿגאַבע אין און מחוץ דײַטשלאַנד. קיינער קען ניט זאָגן מיט זיכערקייט, װי די רעכטליכע און פּאָליטישע לאַגע פֿון די דײַטשע ייִדן װעט אויסזען אין דער נאָענטסטער צײַט. איינס אָבער שטייט אַבסאָלוט פֿעסט: מעג די רעכטליכע סיטואַציע זײַן אַזוי אָדער אַנדערש, די פֿאַרשמעלערונג פֿון דער עקזיסטענץ-באַזע פֿאַר די ייִדישע האַנדלס- און ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס איז אַ פֿאַקט, װאָס לאָזט זיך בשום אופֿן ניט ענדערן. דערפֿון פֿאָלגט דאָס געבאָט פֿון סאָציאַלן איבערבוי. דאָס גאַנצע דײַטשע ייִדנטום האָט איינשטימיק דערקענט די דאָזיקע גזרה פֿון דער געשיכטע. דער רעזולטאַט איז אַ גװאַלטיקער מאַסן-דראַנג צו פֿאַכליכער איבערשיכטונג. מיר קאָנסטאַטירן מיט באַפֿרידי-

קונג, אַז אָרט איז געווען די ערשטע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט באַגעגנט דעם דאָזיקן דראַנג מיט פּראַקטישע פֿאַרזוכן. אונדזער דייטשע צווייג־אָרגאַניזאַציע איז צוגעטרעטן צו דער דאָזיקער אויפֿגאַבע מיט דער גרעסטער פֿאַרזיכטיקייט. זי האָט זיך ניט געלאָזט באַהערשן פֿון דער דעמאָלטיקער דעפּרעסיע און אויך ניט פֿון דער פֿאַנטאַסטישער פּראָיעקטן־מאַכעריי. געוווינט ווירטשאַפֿטלעך צו דענקען, האָבן די אָרט־טוער לכתּחילה געוווּסט, אַז פֿאַר איבערשיכטונג במעשׂה איז די עקאָנאָמישע נויט אַליין ניט גענוג. אַז אַחוץ דעם ווילנסדראַנג פֿון דער פֿאַרצווייפֿלטער באַפֿעלקערונג זײַנען דערצו נאָך נויטיק ו י ר ט ש אַ פֿ ט ל י כ ע פּערספּעקטיוון. מיר האָבן זיך דערווײַבער ניט באַטייליקט אין דער מאַסן־פּראָדוקציע פֿון גרויסע פּלענער. אויף דער פֿראַגע, פֿאַרוואָס קומט זיך אַלטער דערפֿאַרענער אָרט ניט אַרויס מיט קיין גרינטלעכן גרויסן פּלאַן, האָבן מיר אויף אַ קאָנפֿערענץ פֿון ייִדישע פּרעסע־פֿאַרטרעטער אין בערלין געענטפֿערט: ווײַל איבערשיכטונג איז פֿאַר אונדז ניט קיין אַבסטראַקציע, ניט קיין אָפּעראַציע, וואָס קען געמאַכט ווערן "באַ אַלע תּנאָים". פֿאַר אַ גרינטלעכן פּלאַן מיט אַ ווייטערן אויסקוק פֿעלט דערווײַל די וויכטיקסטע פֿאָרויסזעצונג, און דאָס איז – קלאָרקייט וועגן דער ראָלע, וועלכע דעם דייטשן ייִדנטום איז באַשערט צו שפּילן אין דער פֿאָלקס־ווירטשאַפֿט פֿונעם נײַעם דייטשלאַנד. אָבער פֿון דער אוממעגלעכקייט אויפֿצושטעלן גרויסע פּלענער איז ניט געדרונגען, אַז מען איז פּטור פֿון קליינע מעשׂים. אַן ערך 1500 פּערזאָנען האָבן זיך אין די ערשטע וואָכן נאָך דער איבערקערעניש געווענדעט צום אָרט אין בערלין וועגן באַרופֿלעכער אויסבילדונג. איר האָט געהערט, אַז מיר האָבן די ערשטע חדשים געעפֿנט אין בערלין 7 שנעלקורסן פֿאַר דערוואַקסענע אין פֿאַרשיידענע פֿאַכן. אַ דאַנק דער פּראַקטישער אַקטיוויטעט פֿון אָרט איז געשלאָסן געוואָרן דער אָפּמאַך מיט דעם "צענטראַלאויסשוס פֿיר הילפֿע און אויפֿבוי" אין בערלין, וועלכער פֿינאַנסירט טיילווייז די דאָזיקע אַרבעט.

**אָרט־שולן אין מזרח־אייראָפּע אין דינסט פֿון דער דייטש־ייִדישער יוגנט.**

אָבער שוין אין יולי 1933 דערקלערט אָרט, אַז די ה ו י פּ ט א ו י פֿ ג אַ ב ע פֿון דער פֿאַכלעכער אויסבילדונג קען אויף ד ע ם וועג ניט געלייזט ווערן. קורצטערמיניקע קורסן קענען אין דער נויט האָבן אַ געוויסן ווערט פֿאַר מענטשן אין דעם עלטער, ווען ס'איז שוין ניטאָ קיין צײַט און קיין מעגלעכקייט אויסצולערנען זיך גרינטלעך אַזאַ פֿאַך, וואָס דאַרף געבן אויסזיכטן אויף פּרנסה. די יוגנט אָבער טאָר מען אויף דעם וועג ניט פֿירן. גראַד אין דער הײַנטיקער צײַט, ווען אַפֿילו געלערנטע אַרבעטער ליידן פֿון דער פּלאָג פֿון אַרבעטלאָזיקייט, וואָלט עס געווען פּשוט אַ זינד צו דיסקוואַליפֿיצירן די דייטשע יוגנט און אַרויסלאָזן אַ דור פֿון שוואַרצאַרבעטער אָדער ווירטשאַפֿטלעכע קאַליקעס. די יוגנט מוז פֿאַרזאָרגט ווערן מיט אַ גרינטלעכער פֿאַכלעכער אויסבילדונג. אָבער דאָס לאָזט זיך נאָר דערגרייכן אין פּריוואַט־באַטריבן בײַ געלערנטע מײַסטערס, אָדער אין האַנטווערקער־שולן, ווו מען לערנט און אַרבעט גלײַכצײַטיק פֿאַרן מאַרק. די ביידע מעגלעכקייטן פֿעלן איצטער אין דייטשלאַנד. בויען דאָרטן ייִדישע האַנטווערקער־שולן איז זייער אַ טײַערער ביסן און אַ חוץ דעם נאָך צוליב אַנדערע טעמים ניט ראַטזאַם.

אָט צוליב די אַלע סיבות זײַנען מיר געקומען אויפֿן געדאַנק צו שטעלן א טייל פֿון די אָרט-שולן אין מזרח-אייראָפּע אין דינסט פֿון דער דײַטש-ייִדישער יוגנט. אויפֿן ערשטן פּלאַן האָבן מיר פֿאַר דעם צוועק אָנגעמערקט די אָרט-אינסטיטוציעס אין ליטע, אין ליבאַווע, אין ווילנע, וואַרשע און לאָדזש. נאָך א גרינטלעכער צוגרייטונג איז אונדז - א דאַנק דער מוסטערהאַפֿטער אַרבעט פֿונעם קאָוונער אָרט און דער לעבעדיקער אַקטיוויטעט פֿון דער געשעפֿטס-פֿירונג פֿונעם דײַטשן אָרט - געלונגען אַריבערצובריינגען די ערשטע גרופּע פֿון 28 יונגעלײַט קיין קאָוונע און אײַנאָרדענען פֿאַר זיי א פֿלאָסער-מעכאַנישן קורס אויף אַנדערהאַלבן יאָר. די איבערגעגעבנקייט, מיט וועלכע דער קאָוונער אָרט און דער דאָרטיקער פֿרויען-קאָמיטעט פֿון אָרט האָבן גענומען אויף זיך און דורכגעפֿירט די באַזאָרגונג פֿון דער גרופּע, קען דינען אלס בײַשפּיל פֿון אמתער ב ר י ד ע ר ל י כ ע ר סאָלידאַריטעט. דער צווייטער שריט איז געווען די אײַנאָרדענונג פֿון א לאַנדווירטשאַפֿטלעכער לערנפֿערמע אין "אונגאַרינע" בא מאַריאַמפּאָל, אין די נאָענטסטע טעג וועלן אָנקומען אַהין 34 יונגע לײַט פֿון בערלין און פֿון אַנדערע דײַטשע שטעט. דעם 16-טן יאַנואַר פֿאַרלאָזט די דריטע גרופּע פֿון 40 פּערזאָן בערלין און גייט קיין ליבאַווע, וווּ ס/איז פֿאַר זיי צוגעגרייט א פֿלאָסער-מעכאַנישע אָפּטיילונג. איך דערמאָן נאָכאַמאָל, אַז בא דער דאָזיקער אַרבעט אַנטוויקלט די געשעפֿטספֿירונג פֿונעם דײַטשן אָרט אַן אויסערגעוויינלעך ענערגישע אַקטיוויטעט.- די לאַנדאָנער הילפֿסקאָנפֿערענץ האָט אָנערקענט די באַדײַטונג פֿון דעם דאָזיקן פּלאַן און דעם ווערט פֿון אָרט/ס איניציאַטיוו. די פּלענאַר-זיצונג וועט דאָ דאַרפֿן באַשליסן וועגן דעם ווײַטערדיקן גאַנג פֿון אָט דער אינטערעסאַנטער און ביז איצטער געלונגענער אַקציע.

## אויסבילדונג און וואָס ווײַטער?

נאָך אין משך פֿון ד ע ם יאָר וועלן הונדערטער דײַטש-ייִדישע יוגנטלעכע אַרבעטן אין די אָרט-וואַרשטאַטן פֿון מזרח-אייראָפּע. שוין איצטער פֿאַרבינדט זיי מיט אָרט א געפֿיל פֿון טיפֿער דאַנקבאַרקייט, וואָס איז אויסגעדריקט אין יעדן בריוו און באַריכט. זיי האָבן אונדזער אָרגאַניזאַציע אָנגעטרויט זייער גורל; און כאָטש אָרט האָט ניט איבערגענומען קיין שום פֿאַרפּליכטונג בנוגע זייער צוקונפֿט, פֿרעגן זיי אונדז איצטער שוין, צי מיר טראַכטן וועגן זייער "ייִדישער" פֿראַגע - "וואוהין?", וואוהין וועלן זיי זיך ווענדן, ווען זיי וועלן האָבן אויסגעלערנט? די דאָזיקע פֿראַגע שוועבט פֿאַר זייערע אויגן אינם וואַרשטאַט און רויבט זייער רו נאָך דער אַרבעט.

**קאָנסטרוקטיווע הילף און עמיגראַציע.**

אָבער ווי נאָר מיר פֿאַרטראַכטן זיך וועגן דעם שטייען מיר שוין פֿאַר א פּראָבלעם, וואָס איז בנוגע ניט נאָר די דײַטשע ייִדישע יונגעלײַט פֿון די אָרט-שולן און ניט נאָר פֿילע טויזנטער דײַטשע ייִדן, נאָר א גרויסע ייִדישע מאַסע אין די מזרח-אייראָפּעאישע לענדער.

פֿרײַנט, די אויפֿגאַבע און די עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג פֿון אָרט איז ווירטשאַפֿטלעך איבערצובויען און צו באַפֿעסטיקן די ייִדישע מאַסן אין זייערע וווינלענדער. מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט גענאַרט. צום אונטערשייד פֿון

רעגע "רעליעף-טוער"; וואָס פֿלעגן זיך געפֿעלן זיין אין דער ראָלע פֿון "טנעלע פֿירערלעטער", האָבן מיר אַלעמאָל געוווּסט, אַז די ד אָ ז י ק ע אויפֿגאַבע וועט פֿאָדערן לאַנגע, לאַנגע יאָרן און מער כּוחות איידער די ייִדי-שע געזעלשאַפֿטלעכקייט פֿאַרמאָגט בײַ היינטיקן טאָג... אינם לעצטן אומגליקס-יאָר, ווען די זיכערקייט פֿון דער ייִדישער בירגערלעכער עקזיסטענץ האָט באַקומען אַזאַ שרעקלעכן קלאַפּ, האָט דער אָרט-פֿאַרבאַנד נאָך שטאַרקער ווי פֿרי-ער דערקענט די וויכטיקייט פֿון זיין היסטאָריש-ריכטיקער אויפֿגאַבע. און דאַרף פֿילן מיר, אַז דאָס יאָר האָט אונדז די געשיכטע געגעבן אַ רוק. איך קען נישט קיין איין ערנסטע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציע, קיין איין פּאַר-טיי, קיין איין ריכטונג בײַ ייִדן, פֿון וועלכער מ/זאָל קענען זאָגן, אַז אַלע מחשבֿות און אירע מעשׂים זיינען געבליבן אומבאַריִרט פֿון דער אויפֿטרייס-לונג פֿון דעם לעצטן יאָר.– מוז מען דעריבער מיט אַ קלאָרן זינען און מיט דעם ערלעכסטן ווילן זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן אין דער סיטואַציע: גרוי-סע טיילן פֿונם דייטשן, ווי פֿונם מזרח-אייראָפּעאישן ייִדנטום זיינען געצוווּנ-גען צו זוכן אין דער עמיגראַציע מעגלעכקייטן פֿאַר דעם אויפֿבוי פֿון זייער עקזיסטענץ אויפֿן יסוד פֿון פּראָדוקטיווער אַרבעט. עס גייט אין לעבנסרוים פֿאַר באַדייטנדיקע ייִדישע מאַסן, עס גייט וועגן נייע אויפֿנעמפֿעיִקע איינוואַנ-דער-געביטן. קלאָר, אַז אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס וויל געזונטמאַכן דאָס ייִדישע ווירטשאַפֿט-לעבן, קען צו אַט דער פֿראַגע בשום אופֿן ניט פֿאַרבלײַבן גלייכ-גילטיק. אָרט דאַרף באַטראַכטן, אין וועלכער פֿאָרם ער איז בכּח אָפּצוגעבן זיין אויפֿמערקזאַמקייט נישט נאָר פֿאַר דער פּראָפֿעסיאָנעלער צוגרייטונג פֿון דעם עמיגראַנט, נאָר אויך פֿאַר די פּראָבלעמען פֿונם אינדוסטריעלן און לאַנד-ווירטשאַפֿטלעכן אויפֿבוי פֿון די עמיגראַנטן אין די איינוואַנדער-לענדער. די דאָזיקע פֿראַגע שטייט איצטער פֿאַר אַלע ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַני-זאַציעס. זי דאַרף ערשט גרינטלעך, פֿאַכמעניש שטודירט ווערן. איגנאָרירן זי וואָלט געווען אַמתע קורצזיכטיקייט..

## דער רוף פֿון מזרח - אייראָפּע.

חנובע פֿרײַנט, בײַם אָנהויב פֿון 1934 איז נייטיק נאָכאַמאָל פֿעסט-צושטעלן און אויף דאָסניי צו דערמאָנען, אַז דער פּעריאָד פֿון עקאָנאָמישן חורבן, וואָס האָט זיך מיט צוויי צענדליק יאָר צוריק אָנגעהויבן פֿאַר דעם מזרח-אייראָפּעאישן ייִדנטום איז נאָך ווייט ניט פֿאַרענדיקט. די וווּנדן, וואָס די מלחמה האָט איבערגעלאָזט אויפֿן ייִדישן קערפּער, זיינען נאָך ניט פֿאַר-היילט. די היזקות פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, וועלכע שטאַמען פֿון דער נאָך-מלחמה/דיקער ווירטשאַפֿט-פּאָליטיק פֿון די רעגירונגען, פֿון די מלוכה-מאָנאָפּאָלן, פֿון דעם וווּקס פֿון דער אַלגעמיינער קאָאָפּעראַציע און ועל כּולם פֿון דעם עקאָנאָמישן אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן, רומעניע, אין ליטע און אין לעטלאַנד - זיינען אין די לעצטע יאָרן בסדר געוואַקסן.

**געפֿערלעכע ווירקונ-גען פֿון מערב.-**

איז דאָס נאָך ווייניק געווען? זיינען אינם לעצטן יאָר צוגעקומען די באַקאַנטע קאַטאַסטראָפֿאַלע געשעע-ניש. אין צוויי־ערליי פֿאָרמען האָבן זיי געענדיקט די מזרח-אייראָפּעאישע ייִדן: ערשטנס, האָבן זיי אומדי-

די הײַנטיקע ייִדישע סיטואַציע פֿאָדערט אַ ראַציאָנעלע פֿאַרטײלונג פֿון די הילפֿס-כּחות איבער דעם גאַנצן שטח פֿון דער ייִדישער נויט. די װאָרענונג און דער רוף פֿון אַלע פֿרײַנט פֿון דער ייִדישער אויפֿבוי-אַרבעט דאַרף זײַן: פֿאַרלירט ניט פֿון אויג דעם פֿאַרצווייפֿלטן עקזיסטענץ-קאַמף פֿון די ייִדן אין מזרח-אייראָפּע!

__מײַנע אויספֿירן:__ מען מוז אין אַלע לענדער פֿאַרזעצן די אָנשטרענגונגען צו דערשלאָגן זיך גרעסערע שטיצע מצד די מלוכות און די קאָמונאַל-פֿאַרוואַלטונגען פֿאַר די ייִדישע פֿאַכשולן. מען מוז װעקן און סטאַביליזירן דעם אַלגעמײַן-ייִדישן פֿליכטבאַוווסטזײַן בנוגע צו דער אויפֿבוי-הילף פֿאַר די מזרח-אייראָפּעאישע ייִדן. די אַרבעט לטובת די דײַטשע ייִדן מוז פֿאַרברייטערט װערן. מען מוז זיך אַקטיװער באַשעפֿטיקן מיט דעם גורל פֿון דעם עמיגראַנט סײַ אין פּרט פֿון זײַן פֿאַכלעכער צוגרייטונג, סײַ אין פּרט פֿון זײַן אינדוסטריעלן אָדער לאַנדווירטשאַפֿטלעכן אויפֿבוי אין דעם אימיגראַציע-לאַנד. די אָרט-אָרגאַניזאַציעס און אַלע אָרט-פֿרײַנט אין פֿאַרשידענע לענדער מוזן אויפֿגערופֿן װערן צו אַ געמיינזאַמער זאַמל-אַקציע. די אָרט-אָרגאַניזאַציעס אין מזרח-אייראָפּע און אין אַמעריקע מוזן ברייטער און פֿעסטער װערן.

װי דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק טרעט אונזער פֿאַרבאַנד אַרײַן אין דעם נײַעם יאָר מיט דעם דעװיז: אַקטיװע זעלבסטערהאַלטונג!